

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ז - גליון 774
זמנים: עש"ק 6:54 – מוצש"ק 8:23

פרשת ויקהל - שבת פרה
עש"ק כ"א אדר שנת תשפ"ה לפ"ק



## א דאנק פאר די דאנקען !

### ווארעמע פורים גריסן ב"ה ברענגט חיזוק

**מיר ווילן** זיך שטארק באדאנקען פאר די פולע הונדערטער עלטערן וואס האבן זיך אזוי שיין באדאנקט, איינער געשריבן, און איינער גערופן, א יעדער אויף זיין שטייגער, ארויס ברעגענדיג ווי שיין און ווי שטארק די קינדער לעבן אריין א סדר היום פון א חדר טאג מיט אלע זאכן ארום. און ספעציעל האבן די קינדער אזוי הנאה געהאט פון **דעם גאנצן פורים אפעראט: די ערליכע מגילות,** (ק"ג און פרי ק"ג) **די לימודים, די ניגונים, די פורים קאסטיומ'ס**, מיט דעם גאנצן פורים שפיל פון די די **"דוד המלך" טיעם.** ווי עס איז ב"ה צוגעשטעלט געווארן אויף א שיינעם נאבעלן שטייגער פאר זייער פארגעניגן.

**ב"ה מיר הערן אסאך צוריק** ווי די קינדער האבן אראפ געזינגען די פורים שפילן פון **"דוד המלך"** די ניגונים אזוי ב'חנ'ט, עס איז זיכער אז דער זכות פון **"דוד מלך ישראל איז חי וקים"** און וועט ברענגען אויף אונזערע קינדער די ריכטיגע נחת דקדושה און אונז אויס לייזן מיט ביאת **"משיח בן דוד" בקרוב בימינו ומלכינו בראשינו. אמן**

**ספעציעל די ערליכע מגילה** וואס עס איז אזוי שיין צוזאם געשטעלט געווארן, דורך די שיינע פורים פלעי'ס וואס איז אזוי ערליך אויפגעשפילט געווארן דורך די קינדער אונזערע תלמידים צוגעשטעלט דורך 2 באזונדערע כיתות, ווי עס האט ארויסגעשיינט גאר ארגינעל די קינדער האבן מיטגעלעבט יעדן פרט און האבן ערליך שיין אויפגעשפילט א יעדע פינטל פון די פורים מעשה...

**דער באשעפער זאל אונז העלפן** און באגלייטן אויך אויף ווייטער מיט פיל סייעתא דשמיא, עס וואלט זיך גוט געליינט ווען מיר קענען ווען איבער שרייבן די ערליכע בריוו'לעך וויאזוי עלטערן שרייבן אזוי שיין, נאר עס איז נישט מעגליך ארויסצושרייבן די אלע שיינע דאנק בריוו'לעך ווי שיין די עלטערן האבן זיך באדאנקט און ב"ה הנאה געהאט.

## מיר דאנקען און לויבן דעם באשעפער פון אויבן!

**מיט א שבח והודי' צום הייליגן באשעפער** דאנקען מיר אז מיר האבן געהאט די זכי' און געקענט צושטעלן אזאך צו די צופרידענהייט פון עלטערן און די קינדער מיטן אריין לייגן אין זיי די שטארקע אמונה, איבער די ניסים וואס השי"ת טוט מיט אונז אידישע קינדער אין יעדע צייט, אויך די גרויסקייט פון דוד מלך ישראל, די גרויסקייט פון דעם תהילמ'ל. אלעס שיין באגלייט **א דורך די איבערגעגעבענע חשובע מלמדים**, יעדע יארגאנג פאר זיך מיט א געשמאק.

**מיר בעטן** דעם הייליגן באשעפער זאל אונז ווייטער באגלייטן מיט סייעתא דשמיא אין די הייליגע ארבייט און אלע אידן זאלן האבן א לעכטיגן תמיד און א כשר'ן פסח. אמן

## לכבוד שבת קודש

**די וואך** האבן מיר אויסגענוצט די געלעגענהייט און געלערנט מיט די קינדער אסאך וויכטיגע זאכן ווי אזוי מען גרייט זיך צום הייליגן שבת, וואס מען קען ארויס העלפן אין שטוב לכבוד שבת, מיטן רוימען, אוועקפאקן, א.א.וו. אזוי אויך פארשידענע ענינים וואס צדיקים פלעגן טון ערב שבת. מיין רבי האט אויך פארציילט די מעשה פונעם צדיק **ר' חנינא בן דוסא** ווי עס איז געשעהן א נס ביי איהם אין שטוב **מיטן באקן חלות לכבוד שבת.** הערטס אונז אויס ווי שיין מיר קענען מסביר זיין די בילדער פון די ביכל און שעפטס נחת.

## ווינקל אינהאלט

- **א דאנק פאר די דאנקען.**
- מיר דאנקען און לויבן דעם בוכ"ע.
- **עניני שבת קודש**
- די משלוח מנות אין חדר.
- **חדר מעשה ר' חנינא בן דוסא**
- צום יו"ט פסח גרייט מען זיך שוין.
- **מען רוימט אויס דעם חמץ**
- גראם פון די וואך - ווערטער באגריפן.
- **די מיטוואך פלעי "בראנפין אדער וואסער".**
- ערב פסח אין חדר "סי-די" צובאקומען.
- **מעסעדזש וועגן לייז און ריינקייט.**
- ספעציעלן דאנק פאר די וואס שיקן קאסטיומס.
- **חכמה'לעך פון קינדער.**
- מזל טוב וואונטשן.
- **ברוכים הבאים נייע קינדער**

**נייעס ליין און שער הנגינה !**
**718-407-7460 # 1/5/6**

## נייעס ליין שער הנגינה

**געוועינדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי**

**718 407-7460 1/5/6. הערט און האט'ס הנאה**

## די משלוח מנות אין חדר

### דער גוטער באדייט, ברענגט אסאך צופרידענהייט!

**די געוואלדיגע** צופרידענהייט פון די עלטערן פון די שיינע זאך וואס איז ווייטער אנגעגאנגען דאס יאר אין **די "סאטמאר נוירסערי – קינדערגארטן" לכבוד דעם פורים**, און עס האט זיך נאך אסאך בעסער אויסגעארבייט, ווי עס איז געווען צוגעשטעלט א טאג בעפאר תענית אסתר א שיינעם **"חדר פורים פראגראם"** פאר די קינדער זיך משמח צו זיין, יעדע כיתה, די קינדער מיט זייער רבי צוזאמען. דאס איז געטוהן געווארן כדי צו פארגרינגערן פאר די עלטערן מיטן ברענגען און באקומען משלוח מנות. אזוי אויך ווען **די קינדער זענען אלע צוזאמען אין א פורים'דיגער אטמאספערע איז דאס געווען זייער פרייליך פאר זיי** און ס'האט זיך ב"ה אויסגעארבייט אויפן העכסטן צופרידענהייט פון אלע זייטן.

די **מלמדים** האבן צוגעגרייט א שיינעם פורים שפיל סדר פאר די קינדער גאר א פרייליכע מעמד, די קינדער זענען געקומען פארשטעלט, פארשטייט זיך דער מלמד אויך! אזוי איז געווען פיין פרייליך, די קינדער האבן געברענגט זייערע משלוח מנות פון די עלטערן פאר די רבי'ס, און די קינדער האבן שיין צוריק באקומען א פעקעלע פון זייער רבי, וואס דאס איז דאך ביי א יעדן קינד זייער הייליג און טייער. **די מלמדים געבן די ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פאר א יעדן תלמיד באזונדער.**

ספעציעל אין לאנטש רום ווען קינדער פון אלע כיתות האבן זיך באגעגענט מיט די פורים קליידונג און א יעדעס קינד געט זיך ארויס זיין האב און הנאה, דאס אלעס איז נאך געקומען צו א קלימאקס ווען מ'האט אנגעצינדן דעם ספיקער מיט די פורים'דיגע ניגונים די קינדער זענען ארויס און זייער פרייליכע טענץ.. **א פאליס, מיט א פייער לעשער, און א קעניג, מיט זיין סאלדאט, דער בעל עגלה מיטן פארמער, דער בער מיטן פאסטוך...... דער פעינטער מיטן נוירס.. עס איז געווען פיין לעבעדיג.** (זעה בילדער)

**דער שריט** איז געטוהן געווארן נעמענדיג אין באטראכט די קינדער געבענטשטע שטיבער מיט די זיידע'ס און באבע'ס קע"ה לאורך ימים ושנים, מיט דעם שווערן פורים טרעפיק אויף די גאסן, נאך ערש"ק אויך.. און נאך דארפן אינזינען האבן אנצוקומען אויף אזויפיל פלעצער איז נישט אזוי גרינג, עס געדענקט זיך זייער גוט ווי שווער דאס פלעגט אנקומען. דעריבער האט מען איינגעפירט דעם נייעם געדאנק דאס צו טוהן אזוי ווי ביי די גרעסערע קינדער, א טאג בעפאר פורים אין חדר מיט די גאנצע כיתה צוזאמען. די קינדער האבן ב"ה זייער הנאה געהאט און די מלמדים האבן געהאט זייער א גוטע געלעגנהייט צו מאכן א פרייליכע אטמאספערע אין חדר.

## ספעציעלן דאנק!

מיר ווילן אויסדריקן א גרויסן דאנק פאר די פולע עלטערן וואס האבן אריין געשיקט פארשידענע פורים קאסטיומס וואס ווערן שוין נישט גענוצט ביי די משפחה. אזוי ווי מיר האבן געבעטן אין די ווינקל בעפאר פורים. דאס וועט זייער גוט גענוצט ווערן אי"ה ביי פארשידענע געלעגנהייטן אין קינדערגארטן ביי די וועכענטליכע פארשטעלונגען (פלעי'ס) ווען מען שפילט אויף די סדרה און פארשידענע מעשיות פאר די קינדער מיט אינטערעסאנטקייט,

ולמצוה גדולה יחשב, מיט דאנק, תזכו למצוות.

## ווייטער מיט די א"ב אותיות ס' ע'

### קומענדיגע וואך הייבט מען אן חזרה אויף די א'ב' חלק ב' פון כ' ביז ע' בעזהשי"ת

**די וואך** האבן די קינדערגארטן כיתות ווייטער ממשיך געווען די לימוד פון **די אלף בית אותיות ס' ע'** מיט א געשמאק, ווי מיר גייען אויך איבער מיט א חשק סיי די אותיות **פון כ' ע'** אויך די אותיות **פון א' י'** כאטש צוויי מאל א וואך, אין עקסטערע זמנים, מיט די ספעציעלע צעטליך פאר **די א'ב' פון א' ביז ע'.**

**ווען** מ'גייט איבער מיט די קינדער טוט מען זיי אויסלערנען צו טייטלען אויף די אותיות וואס מ'זאגט ארויס, אזוי אויך טוט מען יעדן טאג זינגען די גאנצע א"ב מיט א ניגון, און **"ווייזן"** מיטן פינגער אויפן וואנט צעטל אויך לערנען **"זאגן"** אינעווייניג מיטן פינגער אויפן צעטל ביידע זייטן פון א' ביז ע'.

**אויב זעהט מען א שוואכקייט אויף א קינד אינעם לימוד האל"ף בי"ת איז כדי דאס צו קענען אוועק שטעלן ווי עס דארף צו זיין בעז"ה, קען מען זיך פארבינדן מיטן מנהל און דאס אויסשמועסן און פורבירן זיין בייהילפיג מיט וואס מ'קען..**

## א געלונגענעם יום טוב פורים ב"ה געווען מיט אן ערווארטונג.
## יעצט צום יום טוב פסח גרייט מען זיך מיט שפאנונג,

**די מלמדים, אינאיינעם מיט די קינדער**, אלעס גרייט זיך מען שפאנט מיט א דערהויבענקייט און חיזוק צום לעכטיגן גרויסן יום טוב פסח.

**ווי באקאנט** איז דער יסוד פון **"אמונה ביי א איד"** אין דעם **הייליגן יום טוב פסח** און טאקע דערפאר גרייט מען זיך שוין צו ספעציעל ביי די קלענערע כיתות ווי מען הייבט שוין אן תיכף נאך פורים מיט די פסח ענינים, מיטן רעדן דערפון, און ארויף הענגען די בילדער אויפן וואנט, כדי אז ווען עס וועט אנקומען דער הייליגער לעכטיגער יו"ט פסח זאלן די קינדער זיין גוט באקאנט מיט אט די אלע הייליגע זאכן וואס מיר טוהן, די מנהגים פון דעם ליל הסדר, די מצות פון די הייליגע נאכט, און אזוי ווייטער במשך דעם יו"ט אלעס אז די "אמונה" וואס דארף ווערן איינגעבאקן זאל קענען צו גיין מיט א ריכטיגע געשמאק.

**אזוי אויך** א ערליכע געפיל צו יעדע אידישע מנהג און חומרא פון אמאל וואס ווערט שוין געטוהן הונדערטער יארן ביי יעדע משפחה מיט ערליכקייט באגלייט אז אלעס זאלן די קינדער גוט מיטהאלטן בעזהשי"ת.

**במשך די קומענדיגע וואכן** טוט מען אסאך מיט די קינדער לכבוד פסח, מ'רעדט, מ'פארציילט, ווייל דאס ווייסן מיר זייער גוט אז ווען א קינד איז גוט צוגעגרייט געבט ער דאס שיין ארויס, ווי מער די קינדער לעבן מיט מיט די זאך ווערן זיי מער און מער א חלק דערפון.

**דעריבער איז זייער וויכטיג אויסצושמועסן א נקודה אז ווען מען רוימט לכבוד יו"ט זאל מען וואס מער אריין נעמען די קינדער אין די ארבייט, יא מיר פארשטייען אז מיט קינדער איז נישט אזוי גרינג צו רוימען אבער אביסל זיי אריין נעמען אין די ארבייט איז דאך ריכטיג און וויכטיג פאר די חינוך הבנים.**

**השי"ת** זאל אונז אלע העלפן צו קענען זיך גרייטן צום גרויסן הייליגן יו"ט מיר זאלן האבן די זכי' ניצול צו ווערן פון א ברעקעלע חמץ און מיר זאלן שוין זוכה זיין צום קרבן פסח אין ירושלים עיר הקודש מיט משיח'ן בראש מיט אלע אידן צוזאמען בב"א.

## מען רוימט אויף דעם חמץ!!

**שטייענדיג** צווישן אזעלכע גרויסע טעג צווישן די צוויי פרייליכע זמנים, ווי עס רופט זיך אין די הייליגע ספרים "בין גאולה לגאולה" אינצווישן די צוויי גרויסע ניסים און ליבשאפט וואס דער אויבעשטער האט ארויס געוויזן פאר אונז אידישע קינדער בנגלה ובנסתר, איז קע"ה אין יעדע אידישע שטוב העפטיג פארנומען מען רוימט אויף דעם חמץ, אזוי ווי מיר האבן זיך אלעמאל געפירט און צוגעזעהן ביי אונזערע עלטערן. איז אוודאי אז די קליינע קינדער זענען א חלק פון די ארבייט אין א אידישע שטוב. אין איין שטוב רעכנט מען זיך אויס אז די ארבייט זאל געטוהן ווערן נאר ווען די קינדער זענען נישט ארום, אין א צווייטע שטוב פראבירט מען יא מיט זיי, אבער דאס איז זיכער אז מיט אט די לעכטיגע נשמה'לעך איז מען ב"ה פארנומען. אוודאי איז בעסער זיי אביסל אריין צו נעמען אין די ארבייט אזוי ווערן זיי מחונך צו מצוות אבער דאס דארף זיין מיט א געשמאק ובפרט קינדער אין דעם עלטער האבן הנאה צו זעהן ווי ס'טוט זיך ס'לעבט זיך די גרויסע הכנות צום יום טוב, אזוי אויך אין חדר גרייט מען זיך מ'נעמט אריין די קינדער אין יעדע זאך. די זכותים אין א אידישע שטוב ווי מ'ארבייט מקיים צו זיין דעם "בל יראה" "ובל ימצא" איז בכלל נישט פאר אונז אראפ צו שרייבן.

**אבער יעצט** איז אוודאי א זמן אויסצורוימען דעם "חמץ מאדע" אויך פון די **סטיילישע מלבושים**. ווי די ספרים הק' ברענגען אז דאס אויפרוימען דעם חמץ מיט אויסמעקן דעם עמלק איז איין זאך, דאס גייט צוזאמען און דאס איז די מעשה יצר פון יעדן דור. מיר האבן שוין געשריבן אסאך אין עבר, אז מען דערקענט ליידער אויף קינדער אז עלטערן פראבירן אהער צו שטעלן אידישע אינגלעך ליידער מיט גוי'אישע סטיילס. אז קינדער זאלן אויסזעהן געקליידעט מיט פראסטקייט געמישט.... פרעגט זיך א קשיא! וואס פאר א מעסעדזש קריגט א קינד ביים אנטוהן אזעלכט גוי'אישע מלבושים?. מיר דארפן אראפ שטעלן א יסוד מיט די תקנות המוסד כדי זיך צו האלטן אין אזא שווערן גלות ווי די חבלי משיח ליגן אין די סטיילס וואס כאפט אריין דייקא די תינוקות של בית רבן. יא! מיר טארן זיך נישט לאזן פון דעם יצר מיט זיינע טאקטיקן. **אז מיר ווילן האבן ערליכע קינדער וואס זיי זאלן האבן א געפיל צו ערליכקייט דארף מען דאס איינפירן פון יוגענט אן.** צניעות איז דער יסוד פון קדושה, און קדושה איז דער יסוד פון דעם אידישן פאלק.

**ב"ה מזעהט ביי פולע שטיבער און אסאך קינדער** וואס אפילו און אנפאנג זענען די קליידונג נישט געווען אזוי ווי עס דארף צו זיין אבער מיטן ליינען און דערהערן אז די ציל פון דעם מוסד איז דייקא צו העלפן מגדל זיין און מחנך זיין הייליגע אידישע קינדער מיט'ן חסיד'ישן שטייגער ערליך און אויסגעהאלטן לויט די פוס טריט פון אונזערע זיידעס און הייליגע רבי'ס אן קיין שום ענדערונג. **דאס האט געברענגט א טויש און מ'האט ב"ה איינגעקויפט די פיינע ערליכע קליידונג פאר די קינדער.** דעריבער יעצט ווען עס קומט א צייט פון איינקויפן לכבוד יו"ט פסח און לכבוד דעם בעפאר שטייענדיגן זומער זמן, ווילן מיר דערמאנען אז פאר אן אינגל וואס גייט אין חדר דארף מען איינקויפן ערליכע אויסגעהאלטענע מלבושים פון קאפ ביז פוס ערליך ווי אמאל אן קיין שום פארענדערונג.

**אדרבה ווען א אידישע מאמע גייט איינקויפן די ערליכע קליידונג מיט א שטאלץ, איז דאס א כבוד פאר די משפחה, א כבוד פארן מוסד, און א שטאלץ פאר א אינגל אז זיין מאמע זארגט זיך פאר זיין ערליכקייט וד"ל.**

**געוואלדיגע שינוים לטובה** ווי עלטערן האבן ב"ה באקומען א בריוו און בייגעלייגט דעם נייעם אויפטוה פון **"לבושי כבוד"** וואס שטעלט אוועק אויף א לייכטרן פארנעם צו קענען איינקויפן **ביי די אידישע געשעפטן פאר אידישע קינדער....** די קינדער האבן אהיים געברענגט א ספעציעלן בריוו פון די הנהלת המוסדות די וויכטיגקייט פון ערליכע איידעלע מלבושים בייגעלייט מיט די תקנות איבערפרישונג פון דעם יאר. עס איז צום האפן אז עלטערן וועלן פארשטיין אז די זאכן דארפן אראפ געשטעלט ווערן אלס זייער א שטארקע יסוד צו האבן ערליכע אידישע קינדער. און ווי דערמאנט אינעם בריוו וועלן די נייע תקנות שטארק אינפאסירט ווערן. החכם עיניו בראשו דער וואס טראכט ביים איינקויפן פארוועם טוען מיר הארעווען, און פאר וועם טוען מיר איינקויפן? די וועלן בעזהשי"ת מצליח זיין.

**מיר בעטן דעם רבוש"ע** זאל רחמנות האבן אויף אונזערע קינדער זיי זאלן קענען נתחנך ווערן בקדושה ובטהרה ערליך און ריין, געטריי צו די תורה און צום אויבערשטן. מיר האפן אלע צו קענען אויסרוימען דעם חמץ צוזאמען מיטן אויסמעקן דעם עמלק מיט אלע פירושים, און מיר זאלן זוכה זיין צו עסן מצה מיט אלע הידורים און פירושים. ווי חז"ל טייטשן אז מצה ווייזט אויף די גאולה זאלן מיר שוין זוכה זיין בקרוב צום ערווארטעטן גרויסן טאג וואס מיר וועלן הערן דעם שופר של משיח און אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות. ולירושלים עירך ברחמים תשוב, בנה ביתך בקרוב. מיר אלע צוזאמען זקנים ונערים בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו ומלכינו בראשינו אמן.

## וואס הערט זיך ביי די נוירסערי כיתות

**די וואך** האבן מיר שיין געלערנט אין די סדרה פון **דעם הייליגן שבת** ווי מ'דארף זיך גרייטן צום הייליגן שבת מיטן קאכן און באקן און אויפרוימען אסאך העלפן מאמי און אוודאי נישט שטערן.

אויך האבן מיר זיך צוגעהערט צו די הייליגע **מעשה פון ר' חנינא בן דוסא מיט די חלות** וואס האט זיך אפגעבאקן אין זיין הויז א יעדע וואך לכבוד שבת. און פון שבת פרה ווייס איך אויך צוזאגן.

**אויך האבן מיר שיין באגריסט** די נייע קינדער וואס די וואך אריין געקומען. און הערליך שיין אויפגענומען מיט א שמחה די חברים וואס האבן באקומען פיאות און געקומען לערנען די הייליגע א"ב. דער אויבעשטער זאל העלפן אז ביי אלע אידן זאל נאר פרייליך זיין. שטענדיג מיט הייליגע נחת.

## א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה

# די מעשה "בראנפין אדער וואסער" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 1



ר' קלמן מיט זיינע העלפער אין זיין שיינע פיינע וויין סטאר



אכטונג אכטונג פיינע וויינען!!!



די טאטעס קויפן איין לכבוד שבת א פיינעם וויין לכבוד שבת







אלעס קויפט פיינע וויינען און ברויינפן לכבוד שבת



א פיינעם פלאש





די מענטשן, די טאטעס, באצאלן פאר ר' קלמן און אזוי וועט ר' קלמן האבן געלט פאר פסח

















די העלפער'ס העלפן זייער שיין אלע טאטעס קומען קויפן פיינע וויינען לכבוד שבת קודש

# די מעשה "בראנפין אדער וואסער" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 2



די וויינען ווערן שוין אויסגעניצט,



מ'דארף שוין קויפן נאך



ר' קלמן באקוקט די שעלפ'ס וויפיל איז נאך דא



ר' קלמן דופט מיטן טעל. באשטעלט נייע וויינען



דער קעניג געט ארויס די נייע גזירה



די בעל עגלה גרייט זיך שוין ארויס צו פארן





דער בעל עגלה פארט מיט די נייע באקסעס וויין ביז צום גרעניץ



ביי די גרעניץ שטייען די סאלדאטן



די גרעניץ פאליציי זייער שטרענג מ'באקוקט די באקסעס



מען באקוקט א פאספארט



די פאליציי פרעגן זייער שטרענג



ביי ד"ר אלימלך אין שטוב



ר' קלמן קלאפט ביים צדיק'ס טיר



די גבאי פרעגט וואס ווילט איר ר' קלמן



דער צדיק זאגט זארג דיך נישט דאס איז פיינע וואסער

# די מעשה "בראנפין אדער וואסער" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 3



דער צדיק זאגט אלעס וועט זיין גוט די באשעפער וועט העלפן



ר' קלמן קומט צום הויפט פאליס און הייסט אים קאסטן



יא ס'איז פיינע וואסער



אדיין אין שטאט ...



די נייע וויינען אנגקומען מען פאקט אלעס אויס



אכטונג אכטונג נייע וויינען ווער וויל קויפן...



די טאטעס ווילן נישט קויפן ווייל ס'איז וואסער



רבי קיינער דארף נישט קיין וואסער

די רבי זאגט אז ס'איז שוין פיינע וויין...



אלע טאטעס קויפן שוין די פיינע וויינען











אמחי' פיינע גוט וויינען ביי ר' קלמן אלעס קויפט און א יעדער האט הנאה..... עס ווערט פרייליך....

די קינדער זענען פרייליך און פארשטעלט, ביים שיינעם "חדר פורים פראגראם" עס איז געווען פיין לעבעדיג...




























## די מעשה פון "בראנפין אדער וואסער" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר

**די וואך** איז געקומען די רייע אויף די כיתה פון **הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א** ווי זיי האבן אהער געשטעלט א שפיל הערליך שיין.

**אין די וואכן** ווען מיר גרייטן זיך שוין צום הייליגן יו"ט פסח איז איינגעפירט צו פארציילן פאר די קינדער **די באקאנטע סגולה מעשיות** פון די הייליגע צדיקים דער בעש"ט הק' זי"ע מיט זיינע הייליגע תלמידים, **ספעציעל איז באקאנט די סגולה פון הרה"ק דער קאזניצער מגיד זי"ע צו פארציילן די 3 מעשיות אום שבת החודש שבת מברכים ניסן** דעריבער לערנט מען דאס און מ'פארציילט דאס פאר די קינדער מיט אסאך אינטערסאנטקייטן במשך די וואכן ביז'ן יו"ט פסח. און די וועכענטליכע שפילן מיטוואך וועט אויך זיין איבער די מעשיות.

**די וואך האבן מיר מיטגעהאלטן די ערשטע מעשה וואס די מנהל האט פארציילט אין לאנטש רום, א מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן רבי ר' אלימלך זיעועכי"א** **(יארצייט איז דעם פרייטאג כ"א אדר).**

**מיר זעהן** ווי ר' קלמן **(יצחק גוטמאן)** איז אין זיין שיינע אויפגעשטעלטע ווייץ סטאר מיט זיינע העלפער **(יעקב מיטעלמאן, שמואל יצחק סופר, אליעזר פאלקאוויטש)** טאטעס קומען קויפן ווייץ אדער ברוינפן לכבוד שבת. ווייץ לכבוד קידוש, און ברוינפן פאר א לחיים, די טאטעס **(נפתלי בראדי, פנחס נחמן גלויבער, מענדל וואלף יאקאבאוויטש, בנציון טייטלבוים, שלמה גבריאל פליישמאן, שלום גראסבערג)** זיי קומען קויפן און געבן געלט פאר ר' קלמן און זאגן הויעך לכבוד שבת. נאכדעם האט ר' קלמן ווייניג ווייץ ער נעמט דעם טעלעפון און רופט אן ר' פרץ די קאמפעני **(שלום גראסבערג)** פון א אנדערע שטאט און באשטעלט די ווייץ זאל קומען, נאך אסאך באקסעס מיט אלע מינע ווייען. א וואגן מיט א בעל עגלה פאר אלע וויינען.

**דער קעניג (יוסף ברייער)** קומט אריין מיט זיינע באדינער **(שלמה אלעזר גליק, נחמן כהנא)** און ער רופט אויס א נייע גזירה: **אז קיינער טאר נישט אריבער טראגן קיין ווייץ מיט ברוינפן דעם גרעניץ**, דער באדינער רופט אויס מיט א מייק די נייע גזירה אז מ'טאר נישט אריבער פירן קיין ברוינפען אדער ווייץ די גרעניץ. מיר זעהן ווי די שטרענגע גרעניץ פאליס'ן קומען **(שלמה טאבאק, לוי באש, שלמה אלימלך ווייזער)** מיט די הויפט פאליס **(חנוך דוב העניך קלאגסבאלד, אלימלך שטערן)** זיי געבן אכטונג זייער שטרענג און אויב איינער קומט אן צום גרעניץ באקוקט מען זיינע באקסעס מיט זיינע פעקלעך זייער גוט.

**אט דער בעל עגלה איז דא (שמעון פארקאש)** קומט צו גיין מיט א וועגעלע מיט באקסעס מיט די וויינען פון די אנדערע שטאט, די גרעניץ פאליסן **(יושע לאנדא, אליעזר זאב כהנא, שמעון טייטלבוים)** שרייען **"בלייב שטיין"** זייער שטערענג **וואס איז דאס??** זיי באקוקן אלע באקסעס און זיי נעמען צו די וויינען מען פירט ר' קלמן מיט די בעל עגלה צום הויפט פאליציי. ר' קלמן באקומט א גרויסע געלט שטראף. דעלמאטס איז ר' קלמן געלאפן זייער שנעל צום צדיק דער ר"ר אלימלך **(משה חיים וויינשטיין)** ער קלאפט ביי די טיר דער גבאי **(מענדל ראזענבערג)** פרעגט יא! ווער איז דא? וואס דארפסטו? ר' קלמן זאגט: איך וויל אריין גיין רעדן צום צדיק די הייליגער רבי, אזוי הערן מיר ווי דער צדיק זאגט: "אלעס וועט זיין זייער גוט די זאלסט זאגן פאר די פאליס אז דאס אלעס איז וואסער זיי קענען דאס אפילו קאסטן".

**ר' קלמן** גייט ארויס פון הייליגן צדיק ר"ר אלימלך זייער פרייליך ער לויפט צו די פאליס און זאגט זיי דאס אלעס איז וואסער!!! דער פאליס נעמט א גלעזל און זיי זאגן: לאמיר דאס קאסטן, אזוי זאגט ער יא מ'קען קאסטן!! און די פאליציי זאגן יא! דאס איז וואסער קענסט אריין גיין אין שטאט מיט די אלע באקסעס און די דארפסט נישט באצאלן קיין שום געלט שטראף.... ר' קלמן איז זייער פרייליך.

**ר' קלמן** קומט אריין אין סטאר זייער פרייליך מיט זיינע העלפער'ס, מ'פאקט אויס אלע וויינען, אבער די מענטשן ווילן נישט קויפן, ווייל קיינער דארף נישט קיין וואסער!! ר' קלמן לויפט שנעל צוריק צום הייליגן רבי'ן ר"ר אלימלך און בעט אז וואס וועט דא זיין? קיינער דארף נישט קיין וואסער. מיר הערן ווי די רבי זאגט: **אז יעצט איז דאס שוין פיינע גוטע וויינען מיט ברוינפען.....**

**מיר זעהן** ווי אלע מענטשן די טאטעס קומען און ר' קלמן רופט אויס **אכטונג אכטונג! עס איז שוין דא פיינע וויינען מיט ברוינפען...** און אלע מענטשן קומען זיי קאסטן און זעהן יא דאס איז פיינע ווין און דאס איז זייער גוט צו איינקויפן זיי זאגן הויעך לכבוד שבת. אזוי וועט שוין ר' קלמן יעצט האבן אסאך געלט פאר פסח.

## חכמה'לעך

**מעכי** האט שיין פארציילט די מעשה פון פורים, ער האט פארציילט אז ושתי האט באקומען א ווידל אזוי ווי השבת אביד'ל.. (אבידה)

ווען די טאטע האט געזאגט פאר איינע פון די קינדער: שעפעלע, קום שיין צום טיש, האט זיך **הערש פינחס** אנגערופן: איך בין די שעפעלע און ער איז שוין ביים טיש...

**זלמן'ס** טאטע האט איהם פארהערט די פורים שאלות און געפרעגט ווי אזוי האט געהייסן די שלעכטע רשע? האט ער געענטפערט: המן טאש!!...

# ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדערוואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ

**בנימין מאטצען , אלימלך מיטטעלמאן,**

**וואלווי שטראהלי**

## <u>מעסעדזש פאר די עלטערן</u>

**<u>חשוב'ע עלטערן שיחיו</u> ביטע זיכער מאכן אײדער איר שיקט אייער אינגל אין חדר אז ער איז <u>גענצליך ריין פון "לייז" און "נייץ"</u> מען זאל גוט אויסקעמען די האר פון "נייץ"**

**עלטערן פלאגן זיך שטארק צו האלטן זייער קינדער ריין דערפון עס איז נישט רעכט אז ווען איין קינד זאלן אנדערע ליידן. מיר האפן אויף אייער פולע קאאפעראציע.**




## בשורה טובה ומשמחת

**מיט פרייד טוהן מיר מעלדן** פאר די חשוב'ע עלטערן אז עס איז דא צו באקומען **ביי אונז אין חדר** און אויך ביי די לאקאלן פון קרן שמואל ישעי' **דער הערליכער פסח סי-די "ערב פסח אין חדר"** וואס מיר האבן ארויסגעגעבן מיט יארן צוריק, **עס איז געווארן פריש איבערגעארבייט** פאר עטליכע יאר צוריק מיט אינטערעסאנטקייטן, שיין באגלייט מיט שטויענדע Sound Effects און מוזיק.

**עס איז שטארק אינטערעסאנט** פאר די קינדער דאס צו הערן, זיך צו באקענען מיט אלע ענינים פון דעם יום טוב פסח לויט זייער פארשטאנד. דאס האלט די קינדער שטארק געשפאנט קרוב צו 3 שעה. עס איז הערליך שיין אויפגעשפילט און אראפגעלייגט

- **הכנה לפסח,**
- **דער געהויבענער סדר נאכט,**
- **סיפור יציאת מצרים.**

**אדרבה!** אז איר קויפט דאס פאר אייער קינד, וועט ער לעבן מיטן יו"ט פסח, ער וועט אייך שטענדיג דאנקבאר זיין דערפאר בעז"ה.

**א פרייליכן כשר'ן יו"ט פסח.**

<u>דאס איז נישט קיין נייע סידי</u>

<u>עס איז מעגליך אז איר האט דאס שוין.</u>

**אויך איז דאס דא צו באקומען אין א USB פארמאט ביי די קרן שמואל ישעי' לאקעישנ'ס.**

**די וואס דארפן א פסח סידי קענען דאס באקומען פאר $5.00 אויב ווילט איר דאס קויפן שיקט דאס געלט אין אן ענוועלאופ ארויף געשריבן די נאמען פונעם קינד אז <u>דאס איז פאר א פסח סידי.</u>**

*ישעי' יצחק הכהן רובין, מנהל מאנסי קינדערגארטן*

# ברכת מזל טוב חמה ולבבית

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד**

## הרב שמעון פריעד שליט"א

**צו די שמחה פון זיין אייניקל'ס אפשערן**

**ה"ה הילד כמר יושע שטיינמעטץ נ"י**

**ביי זיין איידעם האברך היקר והמפואר תמים למעלות כש"ת**

## מו"ה משה אליעזר שטיינמעטץ הי"ו

***למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת***

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

# ברכת מזל טוב חמה ולבבית

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מיטארבייטער**

## הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

**צו די שמחה פון זיין אייניקל'ס אפשערן**

**ה"ה הילד כמר שמעון פאגעל נ"י**

**ביי זיין זון האברך היקר והמפואר תמים למעלות כש"ת**

## מו"ה יצחק פאגעל הי"ו

***למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת***

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## קינדערגארטן

**מיר ווערן באר‎ייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערהערט זייער שיין.**

### ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן

- דזשעיל - זאגט מען אויף אידיש תפיסה.
- גרעניץ - ווייַן און ברוינפען סטאר, פאספארט. (ווען נוצט מען דאס)
- <u>די ענינים פון די פרה אדומה</u>: א מענטש וואס איז טמא טאר נישט אריין גיין אין ביהמ"ק.
- מ'שפריצט אויף אים די אש מיט הייליגע וואסער.
- עס טאר נישט ארויף גיין א עול (יאך) אויף די רויטע קוה.

## גראם פון די וואך

### <u>שבת פרה</u>

**מ'טוט דעם פרה אדומה פארברענען,**

**כדי דעם קרבן פסח עסן קענען.**

### <u>מעשה גראם</u>

**די נייע גזירה אז מ'טאר נישט אריבער פירן וויין,**

**אוי געוואלד וואס וועט דא זיין.**

**ר' קלמן צום רבי'ן טוט ער לויפן,**

**אז די מענטשן ווילן פיינע וויין ווייטער קויפן.**

**אבער דער קעניג מיט זיין באפעל,**

**אז ווער עס פירט אריבער וויין וועט גיין אין דשעיל.**

# מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
יעקב ב"ר שמואל דייטש נ"י
לכבוד זיין שוועסטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מאיר ב"ר אשר זעליג זעליקאוויטש נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלמה ב"ר יהוסף שטייבערג נ"י
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים מרדכי ב"ר יוסף יצחק שטייבערג נ"י
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אברהם ב"ר שמעון ישראל כהנא נ"י
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כהנא שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ב"ר יואל ב"ר יצחק ראבליץ נ"י
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כהנא שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אלטר ב"ר חיים פארגעס נ"י
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מענדל בן הרב אברהם צבי הורוויץ נ"י
לכבוד די געבורט פון א פלומעניק
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
לייבי ב"ר שלום יוסף האניג נ"י
לכבוד זיין ברודערס אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל טויב שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מענדי בן הרב יצחק יושע הורוויץ נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יעקב ב"ר נחמן חיים מיטטעלמאן נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הערשי ב"ר מנחם שלמה מענדלאוויטש נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
בערל ב"ר יוסף בערגער נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים אלי' ב"ר אשר יעקב קליין נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יושע ב"ר משה אליעזר שטיינמעץ נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישעי' שבתי ב"ר מאיר זאב אבערלאנדער נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הלל יושע ב"ר חיים נחמי' אייכלער נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הערשי ב"ר יואל ברח"ב בלום נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף בן הרב חיים זאנוויל געלדצעהלער נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישראל איסר ב"ר שלום יוסף האניג נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הערשל ב"ר משה יוסף מיטטעלמאן נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ב"ר בעריש בערגער נ"י
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מרדכי ב"ר ברוך יודא זעליקאוויטש נ"י
לכבוד די געבורט פון א פלומעניק
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אהרן מאיר ב"ר מנחם פארגעס נ"י
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6

# מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
אהרן ב"ר יצחק אייזיק לעבאוויטש נ"ו
לכבוד זיין שוועסטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלום ב"ר הרב ישראל קויפמאן נ"ו
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ב"ר שמואל דוד הירש נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יודא לייב פוקס שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
נפתלי בן הרב נחום טייטלבוים נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט"א
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמעון ב"ר יצחק פאגעל נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישראל שלום ב"ר יואל ב"ר יצחק שווארץ נ"ו
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יודא לייב פוקס שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף ב"ר שמואל פריינד נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חנני' יו"ט ליפא ב"ר חיים נחום בעדער נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
נפתלי בן הרב נחום טייטלבוים נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט"א
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אלימלך ב"ר שמואל שמעלקא מיטטעלמאן נ"ו
לכבוד זיין פלומעניק'ס אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט"א
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
וואלווי ב"ר נחמי' מייער נ"ו
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט"א
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ב"ר ישראל מאיר קליין נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט"א
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

## אפוועגן די האר

**ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה.** (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א 929.287.2354**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.**


## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג



שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,
מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**





**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 6 – 718-407-7460 Ext 1**